ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ

שלשלת האור

היכל תשיעי

שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## בהעלותך

(חלק כח שיחה ב)

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת בהעלותך, יב־יח סיון, ה׳תשפ״ה (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# בהעלותך ב

א. אין היינטיקער סדרה, נאָכדעם ווי די תורה דערציילט[1] וועגן דעם פסח שעשו ישראל במדבר (בשנה השנית לצאתם מארץ מצרים), שטייט[2]: ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם ולא יכלו לעשות הפסח גו׳ ויאמרו גו׳ אנחנו טמאים לנפש אדם למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה׳ במועדו גו׳.

דאַרפן פאַרשטיין אין וואָס איז באַשטאַנען זייער טענה „למה נגרע"[3]: זיי אַליין האָבן דאָך מדגיש געווען (און אַלס הקדמה צו דער טענה גופא) „אנחנו טמאים לנפש אדם", ד.ה. זיי האָבן געוואוסט אַז דאָס איז די סיבה צוליב וועלכער זיי קענען ניט מאַכן דעם פסח („ולא יכלו לעשות הפסח") — און ווי מ׳האָט שוין פריער[4] אָנגעזאָגט „וישלחו מן המחנה גו׳ וכל טמא לנפש" — איז וואָס איז די טענה „(אנחנו טמאים גו׳ –) למה נגרע"?!

רש״י איז מבאר[5]: „למה נגרע, אמר להם אין קדשים קרבים בטומאה, אמרו לו יזרק הדם עלינו בכהנים טהורים ויאכל הבשר לטמאים".

זאָגן מפרשים[6], אַז דאָס וואָס עס שטייט אין רש״י „ויאכל הבשר לטמאים" איז אַ טעות סופר — וואָרום אַ טמא טאָר דאָך ניט עסן קיין קדשים[7] — און עס דאַרף שטיין ווי אין ספרי[5] (דער מקור פון דעם פירוש רש״י) „ויאכל הבשר לטהורים"[8].

און זיינען מסביר[9], אַז כוונת רש״י מיט „ויאכל הבשר לטהורים" איז (ע״ד ווי מען לערנט[10] אין אין ספרי) — לויטן מ״ד[11] אַז „חל שביעי שלהם (פון

1) ט, א־ה.

2) שם, ו־ז.

3) ראה רא״ם, גו״א ועוד — בפרש״י דלקמן בפנים.

בנחלת יעקב כאן, דאינו מוכרח שהיתה טענה, כי אפ״ל דלמה נגרע לא הי׳ קושיא אלא שאלה בעלמא אם יש להם איזו תקנה (וע״ש דכן מוכרח לפי הדיעות שהטמאים לנפש היו יכולים ליטהר לפנ״ז)

— אבל פשטות הלשון „למה נגרע" היא טענה ותביעה (ולא „שאלה בעלמא אם יש להם תקנה").

4) נשא ה, ב (ובפרש״י שם: פרשה זו נאמרה ביום שהוקם המשכן*).

*) בפרש״י לש״ס (גיטין ס, סע״א) דגם פרשה זו ד„ויהי אנשים גו׳" היא מהח׳ פרשיות שנאמרו ביום זה אבל ע״פ פשש״מ הרי מפורש שהי׳ „ביום ההוא" (דעשיית הפסח) ועכצ״ל דלפרש״י עה״ת (דקפיד על פשש״מ) פ׳ טמאים שהוזכרה בש״ס שם (והובא בפרש״י עה״ת — נשא שם) היא פ׳ אחרת (וראה תוס׳ גיטין שם (ועוד)) או שיש לרש״י פי׳ אחר בפשש״מ; ולא הביאו בפי׳ כאן — כיון שהכרחו רק כשיודעים שנמנית פרשתנו בש״ס, וזה לא הועתק בפרש״י נשא.

— ובכל אופן גם לפרש״י לש״ס, פרשת „ויהי אנשים גו׳" נאמרה לאחרי פרשת שילוח טמאים, כמפורש בפרש״י שם.

5) פרשתנו שם, ז.

6) ס׳ זכרון, נחלת יעקב, משכיל לדוד, באר יצחק ועוד.

7) כמפורש לעיל — צו ז, כ־כא.

8) וכ״ה בדפוס ראשון דפרש״י, ובכת״י רש״י שתח״י. וכן הועתק ברא״ם, גו״א ועוד. ובדפוס שני: לכהני׳. וראה לקמן סעיף ז.

9) מפרשים שנסמנו בהערה 6. רא״ם ורע״ב כאן. ועוד.

10) ראה זית רענן (ליל״ש עה״פ). ספרי דבי רב, תולדות אדם, ועוד (לספרי שם). וראה תיב״ע כאן. רמב״ם וראב״ד הל׳ ק״פ פ״ו ה״ב ובנ״כ שם. תוד״ה שחל — פסחים צ, ב. ועוד.

11) שהובא בספרי שם לפני זה (פסוק ו). פסחים שם. סוכה כה, ריש ע״ב. וכ״ה בתיב״ע כאן.

די טמאים לנפש אדם) להיות ערב פסח", ובמילא, קענען זיי בליל פסח שוין עסן, ווייל זיי זיינען „טהורים". און דאָס איז געווען זייער טענה „יזרק הדם עלינו כו' ויאכל הבשר לטהורים" — אע"פ וואָס ביום י"ד זיינען זיי נאָך טמאים, קען מען אָבער זורק זיין אויף זיי דעם דם וויבאַלד אַז בזמן אכילת הפסח (בליל חמשה עשר בניסן) וועלן זיי שוין זיין טהורים[12].

אָבער דער פירוש איז צע"ג, וואָרום: א) רש"י דערמאָנט ניט, אפילו ניט ברמז, אַז „חל שביעי שלהם להיות ערב פסח"[13]. ב) זייער טענה איז דאָך געווען „אנחנו טמאים גו' למה נגרע גו'" — ניט אַז זיי וועלן זיין טהורים בזמן אכילת הפסח, נאָר פאַרקערט — אַז אע"פ וואָס „אנחנו טמאים גו' (פונדעסטוועגן) למה נגרע לבלתי הקריב גו'"[14].

ב. אַנדערע לערנען[15] דעם פשט אין דברי הספרי „והבשר נאכל (יאכל[16]) לטהורים" — „שימנו[17] שאר אנשים עמהם על הפסח ויאכלוהו שאר אנשים". ד.ה. די זריקה וועט זיין אויך אויף זיי (די טמאים, ובמילא האָבן זיי מקריב געווען „קרבן ה' במועדו") און די אכילת הפסח וועט זיין דורך אַנדערע.

[און אויף דעם ברענגט דער ספרי דעם ק"ו פון חטאת וואָס „דמה נזרק על הטומאה (הטמאים[16]) ובשרה נאכל לטהורים" — כאָטש די בעלים (יולדת ומצורע[18]) זיינען נאָך טמא, פונדעסט־וועגן איז „דמה נזרק על הטומאה ובשרה נאכל לטהורים (כהנים טהו־רים[18])"].

ועפ"ז וואָלט מען געקענט זאָגן אַז דאָס איז אויך כוונת רש"י[19] „ויאכל הבשר לטהורים" — אַז אַנדערע (וועלכע זיינען ניט ווי „אנחנו טמאים", נאָר) טהורים וועלן עסן דעם פסח.

אָבער לכאורה איז שווער אַזוי אַיינ־צולערנען אין פירוש רש"י, וואָרום דער עיקר ענין הפסח (אויף ע"ד הפשט[20]) איז — אכילת הפסח[21], וואָס דערפאַר מוז זיין מינוי — „איש[22] לפי אכלו תכוסו על השה".

ובמילא: וואָס איז דער אויפטו פון „יזרק הדם עלינו", בשעת עס פעלט דער עיקר המצוה — אכילת הפסח?

---

12) ולדעת הראב"ד שם גם על פי הלכה מותרים לזרוק עליהם באופן כזה (אלא ששאלו אחר זמן שחיטה). וכ"ה דעת התוס' פסחים שם (ושם: דשמא כן עשו כו'). וראה נ"כ הרמב"ם שם. ראַ"ם ומפרשי רש"י והספרי בארוכה. ואכ"מ.

13) וע"פ פשש"מ מלכתחילה אין מקום לשאלה מי היו הטמאים לנפש אדם, וכמ"ש בראב"ע (ט, ו): לא יתכן כו'.

14) ראה גם באר מים חיים (לאחי המהר"ל) כאן.

15) זית רענן שם. עמק הנצי"ב. ועד"ז בספרי דבי רב שם — בפי' דעת ר' חדקא בשם שמעון השקמוני (שבספרי שם לאח"ז).

16) ראה ספרי מהדורת הארוויטץ.

17) ל' הזית רענן.

18) ראה מפרשי הספרי (רבינו הלל. ועוד).

19) כי הענין ד„דמה נזרק על הטומאה" הוא גם ע"פ פשוטו של מקרא — ראה פרש"י תזריע (יב, ז) „מכלל שעד כאן קרוי' טמאה" (וראה בארוכה לקו"ש חכ"ז ע' 83 ואילך), ואינה אוכלת בקדשים (רש"י שם ד"ה והקריבו).

20) וכש"כ ע"ד ההלכה — ראה פסחים עו, ב (במשנה): שלא בא מתחילתו אלא לאכילה. וראה שם סא, א ואילך. ועוד. — וגם לדעת ר"נ דאכילה לא מעכבא ה"ז רק אכילת הבשר, אבל בעינן גברא דחזי לאכילה (שם עח, ב). ועוד. ואכ"מ.

21) שהרי רוב הדינים דפסח בפ' בא הם אודות אכילת הפסח, ואדרבה — בפשש"מ דפ' בא — לא נדבר (בפירוש) כלל אודות „הקרבת" הפסח (וכדלקמן סעיף ה' בארוכה. וראה לקמן הערה 34 ובשוה"ג שם).

22) בא יב, ד ובפרש"י שם. אבל ראה לקו"ש ח"ח ע' 67 ובהערה 26 שם.

נאָך מער: ווי באַלד אַז מען דאַרף נמנה ווערן על הפסח (נאָך איידער מען ברענגט אים), לייגט זיך בפשטות צו זאָגן, אַז דער וואָס איז ניט בכלל פון "לפי אכלו", ניט ראוי צו אכילת הפסח קען ניט נמנה ווערן על הפסח, ובמילא קען מען אויף אים ניט זורק זיין דעם דם[23].

[און ווי מפרשים[24] זיינען מבאר, אַז דערפאַר האָט משה רבינו ניט אָנגענומען זייער ק"ו פון חטאת (און געזאָגט "עמדו ואשמעה גו'"[25]) — ווייל ביי חטאת זיינען דאָך די כהנים אוכלים — ניט די בעלים טמאים (און אפילו ביי קדשים קלים וואו ס'איז דאָ אכילת בעלים — איז דאָך די אכילה אַן ענין וואָס איז ניט מעכב זריקת הדם[26]),

איז במילא ניטאָ קיין ראי' דערפון אויף קרבן פסח, וואָס עיקר מצותו איז אכילת בעלים, אַז מען קען זורק זיין אויף בעלים וועלכע זיינען ניט ראוי צו אכילת הפסח].

ועוד — וג"ז עיקר: בפרש"י דאָ איז ניטאָ קיין רמז אפילו אויף כל הנ"ל.

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם כמה דיוקים בלשון רש"י:

א) רש"י איז מעתיק בלויז די ווערטער "למה נגרע" און איז אפילו ניט מוסיף "וגו'" — ולכאורה, מיט זיין פירוש "יזרק הדם כו'" איז רש"י מפרש די ווייטערדיקע ווערטער "לבלתי הקריב את קרבן ה'", וועלכע רש"י איז, כנ"ל, אפילו ניט מרמז?

ב) וואָס זאָגט רש"י "אמר להם אין קדשים קרבים בטומאה" — דאָס איז דאָך אַ דבר הפשוט וואָס אויך זיי האָבן זיכער געוואוסט (כנ"ל סעיף א); האָט רש"י געדאַרפט אָנהויבן פירושו גלייך מיט זייער טענה "אמרו לו יזרק הדם כו'"[27]?

מפרשים[28] לערנען אַז דאָס האָט זיי משה פריער געזאָגט, בשעת ער האָט זיי ניט געלאָזט ברענגען דעם פסח (וואָס דערפאַר זיינען זיי געקומען מיט דער טענה "למה נגרע"), און זייער טענה "למה נגרע" איז געקומען דערנאָך — "יזרק הדם כו'".

אָבער פון פשטות המשך לשון רש"י איז משמע, אַז "א"ל אין קדשים כו'" איז געקומען אַלס ענטפער אויף "למה נגרע", און ערשט דערנאָך איז געקומען אַ צווייטע שאלה "יזרק הדם עלינו כו'".

איז ניט מובן: (א) אין וואָס באַשטייט די שאלה "למה נגרע" (איידער מען זאָגט די סברא פון "יזרק הדם גו'")? ועד"ז, כנ"ל — וואָס האָט זיי משה רבינו מחדש געווען בתשובתו "אין קדשים קרבים כו'"[29]? ועוד (ב) פון וואַנעט

---

23) ראה — ע"ד ההלכה — הנסמן בהערה 20.

24) משכיל לדוד. ספרי דבי רב לספרי שם. עמק הנצי"ב שם.

25) פרשתנו שם, ח — וכהמשך דברי הספרי ורש"י.

26) שלכן גם אם נטמא הבשר זורק הדם (משנה פסחים עח, ב). ועוד.

27) וכן הקשה בדברי דוד (להט"ז) כאן. וראה הערה 29.

28) ראה גו"א, דבק טוב ועוד כאן.

29) ברא"ם כאן "השיב להם מיד אין כו' והם חזרו ואמרו כו' כלומר שמתחלה לא שאלנו אלא על זה". אבל לכאורה דוחק הוא, דלמה "השיב להם מיד" ולא המתין לסיום וביאור שאלתם.

בדברי דוד מפרש הקס"ד שלהם ע"פ פרש"י לעיל פסוק ב "במועדו אף בטומאה", ולכן טענו דבודאי יש חילוק בין פסח לשאר קדשים, וא"כ "למה נגרע מן שאר בני אדם שהתרת" להביאו בטומאה (וראה גם פי' הרא"ש וכלי יקר כאן). וע"ז ענה משה ד"אין קדשים קרבים בטומאה",

נעמט רש״י (מפשוטו של מקרא) אַז דאָ איז געווען (ניט איין שאלה — „למה נגרע לבלתי הקריב גו׳״ — נאָר) אַ שקו״ט צווישן זיי מיט משה — פריער די שאלה „למה נגרע״, דערנאָך תשובת משה „אין קדשים כו׳״, און דערנאָך אַ צווייטע שאלה „יזרק הדם כו׳״?

ג) „(יזרק הדם עלינו) בכהנים טהורים״ — מאי קמ״ל? אפילו אויב זיי וואָלטן געהאַלטן אַז זיי מעגן מקריב זיין דעם פסח בטומאה (ניט נאָר „יזרק הדם עלינו״), איז דאָך פשוט אַז זריקת הדם ע״ג המזבח ווערט געטאָן דוקא דורך כהנים (ובמילא — כהנים טהורים) — וואָס איז דאָ רש״י מוסיף „בכהנים טהו־רים״?

נאָך מער פליאה: די ווערטער שטייען ניט אין ספרי[30], נאָר זיי זיינען אַ הוספת ביאור פון רש״י,

איז תמוה: וואָס פעלט אין דעם ענין „יזרק הדם עלינו״ וואָס רש״י דאַרף מוסיף זיין „בכהנים טהורים״?

ד. דער ביאור בכל זה:

לערנענדיק דעם פסוק „למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה׳ במועדו״ שטעלט זיך גלייך די שאלה: פריער נוצט די תורה כסדר דעם לשון עשיית הפסח (ויעשו בנ״י את הפסח; תעשו אותו; לעשות הפסח; ויעשו את הפסח; ולא יכלו לעשות הפסח); פאַרוואָס האָבן די טמאים לנפש אדם משנה געווען און געזאָגט (ניט „לבלתי עשות הפסח״, נאָר) „לבלתי הקריב את קרבן ה׳״?

איז דערפון משמע, אַז דאָס איז אַן ענין וואָס איז ביי זיי ערשט דאָ נתחדש געוואָרן; פריער האָט מען נאָר גע־וואוסט אַז עס איז דאָ עשיית הפסח, און איצט איז ביי זיי געוואָרן אַ חידוש, אַז קרבן הפסח איז אַן ענין פון „הקריב את קרבן ה׳״. כדלקמן סעיף ה בארוכה.

וועלכער ענין איז צוגעקומען אינצ־ווישן — פון וועלכן זיי האָבן אַרויס־געלערנט אָט דעם חידוש? איז רש״י מעתיק פון פסוק „למה נגרע״ און זאָגט „אמר להם אין קדשים קרבים בטומאה, אמרו לו יזרק הדם עלינו בכהנים טהו־רים ויאכל הבשר כו׳״:

דורך מעתיק זיין די ווערטער „למה נגרע״ און ניט מוסיף זיין „וגו׳״ מאַכט רש״י קלאָר, אַז „למה נגרע״ איז געווען אַ שאלה בפ״ע, וואָס אויף דער שאלה האָט זיי משה געענטפערט „אין קדשים קרבים בטומאה״; און בשעת משה האָט זיי געזאָגט דעם ענטפער (אַז „אין קדשים קרבים בטומאה״) איז ביי זיי נתחדש געוואָרן אַז פסח איז אַן ענין פון הקרבת קדשים (קרבן ה׳) — האָט דער חידוש מחדש געווען ביי זיי די (צווייטע) שאלה — וויבאַלד „לבלתי[31] הקריב את קרבן ה׳״, איז „יזרק הדם עלינו כו׳״.

---

ובנוגע לפסח „חילוק אחר יש״ (ומשה חשב שהדין ד„במועדו אף בטומאה״ נאמר רק בצבור). ועפ״ז היתה שאלתם „יזרק הדם כו׳״, כי אולי החילוק בפסח הוא דכאשר הזריקה בטהורים — „יאכל הבשר לטמאים״. ובאה תשובת הקב״ה (כדעת משה) „איש איש כי יהי׳ טמא גו׳״ (לקמן פסוק יו״ד), דהיינו יחידים שאין הטומאה נדחית להם (ו„במועדו אף בטומאה״ היינו בצבור).

אבל לכאורה קשה לפרש כן כוונת רש״י — שלא הזכיר בפירושו כלל (גם לא ברמז) החילוק בין יחיד וצבור* — והרי ע״פ הנ״ל זהו התירוץ על טענתם (למה נגרע) הדין ד„במועדו אף בטומאה״.

30) וגם לא ביל״ש פרשתנו עה״פ — אף שתחילת הלשון שם הוא (כפרש״י) „יזרק הדם עלינו״.

*) אף שחילוק זה מוכרח הוא בלאה״כ. וצ״ל דלפרש״י מלכתחילה פשוט הוא ד„במועדו אף בטומאה״ קאי רק בצבור (כמו „במועדו אף בשבת״ שהוא בקרבנות הצבור).

31) עפ״ז תומתק — תיבת „לבלתי״, דהל״ל

ועפ״ז איז פאַרענטפערט וואָס רש״י איז מוסיף די ווערטער „(יזרק כו׳) בכה־נים טהורים״: דערמיט איז רש״י מדגיש, אַז ערשט איצט איז ביי זיי נתחדש געוואָרן אַז פסח איז אַ „קרבן ה׳״ (קדשים) וואָס פאָדערט זריקה בכהנים טהורים; משא״כ פריער, בעת׳ן טענה׳ן „למה נגרע״, האָבן זיי גערעכנט אַז קרבן הפסח איז ניט קיין קרבן ה׳ (וואָס במילא פאָדערט עס ניט קיין זריקה ע״ג המזבח בכהנים טהורים), און דערפאַר האָבן זיי געהאַלטן אַז זיי מעגן דאָס ברענגען בטומאה.

**ה. די הסברה אין דעם, ובהקדים:**

ע״ד הפשט האָט פסח מצרים ניט געהאַט קיין גדר פון קרבן: ע״פ פשוטו של מקרא, איז פסח מצרים געווען אַ מצוה מיוחדת: צו שחט׳ן אַ שה און עסן אים בליל פסח (צלי אש) צוזאַמען מיט מצות ומרורים — ותו לא. דערביי איז ניט געווען קיין ענין וציווי פון הקרבת קרבן לה׳[32]

(און דאָס וואָס עס האָט געדאַרפט זיין „ולקחו[33] מן הדם ונתנו על שתי המזוזות גו׳״ איז ניט געווען ע״ד ווי זריקת הדם על המזבח[34], נאָר כמפורש בקרא צו מאַכן אַן אות אויפן בית, אַז בשעת „ועברתי בארץ מצרים . . והכיתי גו׳ וראיתי את הדם גו׳ ופסחתי עליכם גו׳״[35]).

וואָס דערפאַר געפינט מען ניט ביי פסח מצרים אַז עס זאָל אָנגערופן ווערן בשם קרבן[36], נאָר בלויז בשם „זבח״ („ואמרתם זבח פסח הוא״[37]) — וואָס דער וואָרט „זבח״ מיינט ניט דוקא אַ קרבן לה׳, נאָר יעדע שחיטה לאכילה ווערט גערופן זבח[38].

און דאָס איז געווען די טענה פון די טמאים לנפש אדם:

דאָ רעדט זיך דאָך וועגן דער „שנה השנית לצאתם מארץ מצרים״[39], וואָס פאַר דעם איז בלויז געווען איין פסח, דער פסח מצרים. איז דערפון פאַרשטאַנ־דיק, אַז בשעת מ׳האָט אָנגעזאָגט „ויעשו בנ״י את הפסח במועדו . . ככל חוקותיו וככל משפטיו תעשו אותו״[40] — האָט עס געמיינט, אַז דער פסח מדבר זאָל זיין אין דעם זעלבן אופן וגדר פון פסח מצרים.

[ובפרט ע״פ פרש״י לעיל[41] „תלה הכתוב מצוה זו בביאתם לארץ ולא נתחייבו במדבר אלא בפסח אחד שעשו

(בקיצור) „למה נגרע מלהקריב״ — כי בזה מודגש שכאן מתחיל ענין חדש.

32) ע״ד ההלכה — ראה פסחים צו, א. צפע״נ עה״ת בא יב, ז. וראה הערה 34.

33) בא שם.

34) ואף שפרש״י שם „זו קבלת הדם״, ובפרש״י שם, כב: לשלש המתנות (וראה בארוכה לקו״ש חי״ח ס״ע 3 ואילך. חכ״ו ע׳ 78. ושי״נ) — ע״ד הפשט ה״ז רק דוגמת עבודת הקבלה וזריקה* (וכן יש איסור נותר — שם, י), אבל אין כאן ענין של הקרבה לה׳ בפועל [ולשון הכתוב (בא שם, יא. שם, כז) „פסח הוא לה׳״ — היינו כי „קרוי פסח על שם . . שהקב״ה מדלג כו׳״ (פרש״י שם, יא. וראה לקמן הערה 36). או מפני שעושה בזה מצות ה׳].

35) בא שם, יב־יג. וכו שם, כג.

36) ורק בפרש״י (בא שם, יא) „הקרבן הוא קרוי פסח כו׳״,

אבל י״ל הכוונה שהוא דוגמת קרבן, ע״ד הנ״ל הערה 34.

37) בא שם, כז.

38) ראה לעיל ויצא (לא, נד) ובפרש״י שם. ועד״ז בכ״מ.

39) פרשתנו ט, א.

40) שם, ב־ג. וראה פרש״י שם ובמפרשיו.

41) בא יב, כה. וראה בארוכה לקו״ש חכ״ג ע׳ 65 ואילך (אבל ראה שם ע׳ 69 הערה 51).

*) ולהעיר מס׳ זכרון על מ״ש רש״י כאן „יזרק הדם״: וא״ת והרי לא מצינו שנזכר בפסח שום זריקת הדם בכתוב.

בשנה השנית על פי הדבור", לייגט זיך צו זאָגן אַז דער פסח מדבר האָט ניט געהאַט דעם גדר פון פסח דורות (וועל־כער איז פאַרבונדן מיט „ביאתם לארץ"), נאָר ס'איז געווען אַ המשך פון פסח מצרים (און באַ די וועלכע האָבן גע־מאַכט[42] פסח מצרים)].

ועפ"ז — האָבן די אנשים הנ"ל גע'טענה'ט — דאַרף מען זאָגן, אַז דער ציווי „ויעשו בנ"י את הפסח במועדו" מיינט עשיית הפסח פונקט ווי פסח מצרים[43], וועלכער איז ניט קיין קרבן וואָס ווערט געבראַכט ע"ג המזבח, נאָר אדרבא יעדערער — אפילו טמאים[44] — איז זובח אַ שה (בביתו — לעבן זיין משקוף והמזוזות[45]) און עסט עס בביתו דוקא, בליל חמשה עשר בניסן (צוזאַמען און פונקט ווי ער עסט מצה ומרור — שאינם קדשים כלל). און דעריבער, ווען משה האָט זיי ניט געלאָזן זיך צו משתתף זיין אין עשיית הפסח[46], זיינען זיי געקומען מיט דער טענה „למה נגרע"[47].

און דאָס האָט משה זיי מחדש געווען — „אין קדשים קרבים בטומאה": פסח איז ניט בלויז אַ זבח, נאָר קדשים וואָס ווערן נקרב ע"ג המזבח, ובמילא — איז אייער שאלה בענין וואָס דער ענטפער איז: אין קדשים קרבים בטומאה.

ו. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין זייער (צווייטע) שאלה — „יזרק הדם עלינו כו' ויאכל הבשר לטהורים" (און היות אַז זיי זיינען געווען „טמאים לנפש אדם", דאַרף מען זאָגן, אַז רש"י מיינט דערמיט אַנדערע טהורים, כנ"ל סעיף ב):

וויבאַלד אַז ביי פסח מצרים איז ניט געווען קיין ענין פון הקרבה לה' (ע"ג המזבח) נאָר בלויז די מצוה בפ"ע פון (זבח ו)אכילת הפסח — האָבן די טמאים לנפש אדם געהאַלטן, אַז דאָס וואָס יעצט (נאָך הקמת המשכן) איז עס אַ גדר קרבן, איז דאָס אַ צוגעקומענער באַזונדער ענין, וועלכער איז ניט גורע, ופשיטא ניט שולל, די מצוה פון אכילת הפסח ווי ס'איז געווען באַ פסח ביז יעצט. און פאַרוואָס זאָל דען ווערן אַ

42) או בסמיכות ממש לגיל (דקטן) הראוי להמנות על פסח מצרים.

43) שלכן גם את"ל שידעו אודות פסח דורות (וראה פרש"י בא יב, ו. שם, מז) ושהוא נקרב ע"ג מזבח (ראה משפטים כג, יח. תשא לד, כה. ולהעיר גם מרש"י תולדות כז, ט) — ס"ל שפסח מדבר הי' בגדר (ובמילא — כדיני) פסח מצרים, כנ"ל.

ולהעיר — גם בנוגע לפסח דורות — מדעת היראים (סת"ה. ובהשלם — סתט"ו) דמצות ק"פ היא: צוה הקב"ה את ישראל שיעשו את הפסח . . ועשיית הפסח היינו שחיטתו וזריקת דמו והקטר אימוריו . . ואע"פ שזריקת דמו כו' כהנים עושין ולא ישראל כיון שהקרבן של ישראל ובמצות ישראל עושין כו'.

44) והצורך בהציווי „במועדו" (לדעתם) הי' (לא בשביל „אף בטומאה" — שהרי חשבו שאינו קרבן — כ"א) בשביל „אף בשבת".

45) ואף שלקמן בפ' ראה (יב, כ) פרש"י ד„במדבר נאסר להם בשר חולין אא"כ מקדישה ומקריבה שלמים" (אבל ראה פרש"י אחרי יז, ג: במוקדשין הכתוב מדבר, ובמפרשי רש"י שם. וראה מפרשי רש"י ראה שם) — ה"ז רק (ע"ד לשון רש"י ראה שם בד"ה שלפנ"ז) בשר תאוה, משא"כ בנדו"ד שהמדובר בזבח מצוה.

46) אבל לפ"ז צ"ל לכאורה שבאו לשאול קודם זמן שחיטת הפסח, שעדיין לא ידעו שנקרב ע"ג המזבח, ומפשטות הכתובים לא משמע כן (וראה הנסמן בהערה 12).

ואולי י"ל שטענתם היתה, דאף ששאר בנ"י הטהורים הקריבוהו בפועל ע"ג המזבח, מ"מ אין זה מוכרח מצד גדר הפסח (וע"ד שנאסר להם בשר חולין, כנ"ל הערה הקודמת), ולכן טמאים יכולים לעשותו בטומאה (בלי הקרבה).

47) ולהעיר מחזקוני כאן „למה אין אנו רשאין לאכול קדשים בטומאה הרי אשתקד אכלנו הפסח במצרים אפילו בטומאה". וראה באר מים חיים כאן.

**שינוי (ובפרט אַ** שלילה**) אין מצות אכילת הפסח?!**

**קומט אויס, אַז אין פסח זיינען פאַראַן צוויי באַזונדערע ענינים (וועלכע זיינען ניט תלוי זה בזה)[48]: א) מען ברענגט אַ** קרבן לה׳ **(אויפן מזבח) אַלס זכר (והודי׳) אויפן ענין פון גאולת מצרים, „ופסח ה׳”. ב) עס איז דאָ די מצוה פון** אכילת הפסח **בליל ט״ו — (ניט אַלס אכילת** קרבן **דוקא, נאָר) ע״ד ווי די מצוה פון אכילת מצה ומרור.**

**און דאָס האָבן זיי גע׳טענה׳ט „לבלתי** הקריב **את** קרבן ה׳ **במועדו”: וויבאַלד אַז דער ענין וואָס פסח איז „קרבן ה׳” איז אַ באַזונדער ענין פון אכילת הפסח, איז — „יזרק הדם עלינו כו׳ ויאכל הבשר לטהורים”:**

**אע״פ וואָס זייענדיק אַ „קרבן לה׳” (קדשים) טאָרן זיי ניט עסן פון דעם פסח (ווייל אַ טמא טאָר ניט עסן קיין קדשים) — ובמילא „יאכל הבשר לטהורים** (אחרים)**” — פאַרוואָס זאָלן זיי אָבער דאַרפן** פאַרפעלן **דעם נייעם צוגעקומענעם ענין אין פסח — „להקריב את קרבן ה׳ במועדו”, וואָס קען געטאָן ווערן בלי זייער אַריינגיין אין משכן[48*], ובמילא — „יזרק הדם עלינו בכהנים טהורים”[49].**

**ז. לויט דעם ביאור אין פירוש רש״י קען מען אויך מקיים זיין די גירסת הספרים „ויאכל הבשר** לטמאים**”[50] (וואָס פון דעם גופא וואָס** כו״כ **מפרשי רש״י פאַריכטן די גירסא[51], איז מוכח, אַז שוין בימיהם איז געווען די גירסא** הנפוצה **„לטמאים”)**

**— ובפרט ע״פ המדובר כמה פעמים אַז בשעת מען וויל מברר זיין וואָס עס איז דער נוסח האמיתי, דאַרף מען חוקר זיין פון וואַנעט, ווי אַזוי קען קומען אַ טעות — מען מאַכט ניט קיין טעות במזיד.**

**ובנדו״ד: אויב מ׳זאָל זאָגן אַז אין רש״י איז געשטאַנען „לטמאים”, איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס אַ מעתיק (או מדפיס) האָט עס געביטן צו „לטהורים”; אויב אָבער ס׳איז געשטאַנען „לטהורים” — פאַרוואָס זאָל ווער עס איז דאָס משנה זיין און שרייבן „לטמאים”, וואָס איז (א) היפך נוסח הספרי, און (ב) ועיקר: היפך דעם דין מפורש ומפורסם לכל, אַז אַ טמא טאָר ניט עסן קיין קדשים[52]?! —**

**איז דער ביאור בזה: וויבאַלד אַז די מצוה פון אכילת הפסח איז (לפי סברת האנשים ההמה)** ניט **אַ גדר פון אכילת קרבן נאָר אַ מצוה** בפ״ע **(ניט פאַרבונדן מיט הקרבת קרבן) — האָט אַן אָרט צו זאָגן (לויטן לימוד ע״ד** הפשט**) אַז דער**

---

48) **ולהעיר גם ע״ד ההלכה דשחיטת הפסח ואכילתו הן** שתי **מצות (סהמ״צ להרמב״ם מ״ע נה־נו.** ועוד**) — כידוע השקו״ט בזה (ראה לקו״ש חט״ז ע׳ 102 ואילך. וש״נ).**

*48) **ראה לעיל הערה 19.**

49) **אלא שלפי המסקנא** אינו כן **— כי שני הענינים בק״פ (הקרבתו ואכילתו) תלויים זב״ז וא״א להפריד ביניהם (כנ״ל סעיף ב), ולכן הוצרך להיות הציווי דפסח שני.**

50) **וכ״ה לפי הדברי דוד (הנ״ל הערה 29).**

51) **נסמן לעיל הערה 6.**

52) **בנחלת יעקב כאן: „ואיזה תלמיד טועה כתב כן לפי שראה שאנשים היו טמאים והפסח נאכל לבעלים דוקא . . לפי׳ כתב ויאכל הבשר לטמאים”,**

**אבל צ״ע שיטעה בדבר הפשוט שטמא מותר באכילת קדשים, כבפנים.**

בשר הפסח קען געגעסן ווערן אפילו בטומאה.

דאָס וואָס די תורה אסר׳ט אַ טמא צו עסן קדשים, איז דוקא ווען ער עסט עס אַלס אכילת קדשים. וכדיוק לשון הכתוב[53] „והנפש אשר תאכל בשר מזבח השלמים אשר לה׳ וטומאתו עליו״. משא״כ אכילת הפסח איז (ניט אַלס אכילת קדשים, נאָר) אַלס אַ מצוה בפ״ע (וואָס תורה האָט אָנגעזאָגט ווען ס׳איז ניט געווען קדשים).

האָט דערפאַר אַן אָרט צו זאָגן, אַז אין דעם פאַל קען עס געגעסן ווערן אפילו בטומאה.

ח. לויט דעם ביאור — להגירסא „ויאכל הבשר לטמאים״ — איז אָבער לכאורה ניט גלאַטיק: וויבאַלד אַז זיי האָבן געהאַלטן אַז זיי וועלן אויך האָבן די מצוה פון אכילת הפסח — פאַרוואָס האָבן זיי געמאָנט בלויז „לבלתי הקריב את קרבן ה׳ במועדו״, ניט דערמאָנענדיק דעם ענין האכילה[54]?

איז דער ענין אין דעם[55]: בשעת זיי האָבן געהערט אַז דער ענין פון פסח איז אַ קרבן ה׳ — איז דאָס געוואָרן ביי זיי דער עיקר הענין פון פסח; ביי זיי האָט שלא בערך מער תופס מקום געווען דאָס וואָס זיי האָבן די מעגליכקייט צו מקריב זיין „קרבן ה׳ במועדו״ (כאָטש דאָס וועט געטאָן ווערן דורך אַנדערע), ווי די מצוה וואָס איז פאַרבונדן מיט זייער אכילה, אכילת הפסח.

ווייל דער גרעסטער תענוג באַ זיי (פון אַ אידן) איז, בשעת ער טוט אויף דעם („לחמי לאשי"[56], וואָס איז גורם דעם „אשה ריח ניחוח לה׳״[57]) — „נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני״[58].

ט. ובעבודה ובפנימיות:

דער ענין — אַז מ׳האָט געמאָנט נאָר דעם „הקריב את קרבן ה׳״ — איז ווי עס איז מצד דעם אידן. בשעת אָבער דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אידן אויף פסח שני, אַז מען קען משלים זיין[59] דעם ענין הפסח — איז דער עיקר הדגשה (ניט אַזוי אויפן ענין הקרבן — „פסח לה׳״[60] — נאָר) אויף עשיית הפסח און אכילת הפסח[61]

— ווייל עיקר כוונת הפסח איז ניט אַזוי די הקרבה ע״ג המזבח, העלאה ממטה למעלה — מעלה זיין דעם חלב ודם ע״ג המזבח, אַלס קרבן לה׳, נאָר דוקא די המשכה למטה, אין גוף הגשמי, אכילת האדם. דוקא דורך דעם פירט זיך דורך די כוונת הבריאה, לעשות לו יתברך דירה בתחתונים.

(משיחות ש״פ שלח וש״פ פינחס תשכ״ו)

---

53) צו ז, כ. ועד״ז שם, כא.

54) וכן קשה להפירוש שהובא לעיל סעיף א.

55) ועפ״י המבואר בפנים בפרש״י י״ל בפשטות, דמכיון שמשה חידש להם שהפסח הוא קרבן ה׳ (קדשים) שלכן אינו נקרב בטומאה, לכן הדגישו בשאלתם הב׳ פרט זה — „לבלתי הקריב גו׳״, שגם מצד ענין הקרבן יכולים לעשותו.

56) ל׳ הכתוב פינחס כח, ב. וראה אמור כא, ו. שם, ח. ובכ״מ.

57) ויקרא א, ט. ובכ״מ.

58) פרש״י ויקרא שם. פינחס כח, ח.

59) משא״כ כשהמדובר במי ש„חדל לעשות הפסח״, שלכן ונכרתה הנפש גו׳ — מבאר הכתוב הטעם „כי קרבן ה׳ לא הקריב במועדו״ (פרשתנו ט, יג).

60) כלשון הכתוב פרשתנו ט, י. שם, יד.

61) שם, י־יא.